164

צבי בן מנחם

# ליכט פון מזרח

סצעניִשער פילם אין 3 אקטן
מיט פראלאג, עפּילאג
און מוזיק-אילוסטראציעס.

1934

*Zvi ben Menachem*

[מרדכי פוסטאַן פעזנסקי]

# Šviesa iš Oriento

3-veiksmų scenos filmas su
prologu, epilogu ir muzikos
iliustracijomis.

1934

Sp. „Progresas", Vilkaviškis. Telef. 94.

צבי בן מנחם
(מרדכי פוסטאפעדסקי)

# ליכט פון מזרח

סצענישער פילם אין 3 אקטן

מיט פראלאג, עפילאג
און מוזיק-אילוסטראציעס.

געווידמעט
מיין שוועסטער פערל

1934

טיף
זייזן
ונגע-
: פון
ליטע
שעור
: אין
ליי-
ועטל
און

נאכדרוקן, איבערזעצן, שטעלן אויף דער בינע
און פילמען אן דער דערלויבניס פון פארלעגער
פארבאטן.

פערלאג מ. פוסטאפעדסקי — — — ווילקאווישקי
Sp. „Progresas“, Vilkaviškis. Telef. 94,

## הקדמה.

1914 יאָר. נאָכדעם ווי דאָס רוסישע חיל איז אַריין טיף אין אָסטפּרייסן, האָבן איר די דייטשע אַרמייען פון אַלע זייטן אַרומגענומען, זי פאַריאָגט און פאַרנומען ליטע. באַלד איז אָנגעקומען אַ פאַרשטאַרקטע רוסישע אַרמיי אונטער דער פירונג פון אַ כוליגאַנישן גענעראַל, וואָס האָט פאַרטריבן די דייטשן פון ליטע און זיך איינגעקוואַרטירט מיט זיין שטאַב אין שטעטל. דער שעור לעזאזל איז געוואָרן דער ייד, מען האָט אים חושד געווען אין זייער פריערדיקע מפּלה: ס'איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג פון ניקאָליי-ניקאָלייעוויטש אַרויסצוטרייבן אַלע יידישע איינוווינער פון שטעטל קיין טיף רוסלאַנד אונטער אַ פאַרשטאַרקטע פּאָליצייאישע און סאָלדאַטסקע שמירה.

---

## פערזאָנען:

אַן אַלטער ייד (צום פּראָלאָג)

שלמה — אַן אַלטער קרעמער אומגעפער 65 יאָר.

רחל — זיין פרוי.

דוד — זייער זון 14 יאָר.

פסח — אַ סוחר אין די מיטעלע יאָרן.

אסתר — זיין פרוי.

לאה — זייער טאָכטער אַ יאָר 12.

חנה — אַ יונגע פרוי.

חלוצים.

## פּראָלאָג.

(אַן אַלטער געבויגענער ייד, איינגעהילט אין א טלית האַלט א לאַנגן שטעקן אין דער האַנט, גייט א הין און צוריק און זינגט):




מיט דעם וואַנדער-שטאָק אין דער האַנט
איך וואָגל פון לאַנד צו אַ לאַנד,
פון גרויס צרות שוואַך און געבויגן
סע זעען קיין וועג שוין מיינ' אויגן.
האָט אַזוי,
גיי איך ביי
וואַנדער שוין אַזאַ לאַנגע צייט
זוך אַן אָרט,
אפשר דאָרט?
איבער ימים, וויסטעס דאָרט וויט, דאָרט וויט?

---

אַ פאַרוואָגלטער אויף דער וועלט
געוואוינט שוין צו היץ און צו קעלט
מיט טרערן זינג איך גלות-לידער
פון אייביקן ייד זינג איך ווידער.

גאָט, פאַרוואָס
קומט מיר דאָס
אויף דער ערד פאַרשאָלטן צו זיין?
ווען וועט שוין
אויף מיין קרוין
באַשטראַלט זיין מיט ליכטיקן זונען-שיין?

---

פון מיין היים האָט מען מיך פאַריאָגט,
מיט שאַנד, מיט האַס מיך פאַרפלאָגט,
פאַרדאַג'עט גיי איך אָן כח,
אַלס אַ ייד זויגט יעדער מיין מח.
כ'קען ניט מער
מיר איז שווער
נאָר מכשלים טרעף איך אין וועג.
פון דעם שפּאָט
ליבער גאָט! (בעט צו גאָט)
איז דאָך צייט דו זאָלסט מאַכן שוין אַן עק.

(דער איד פאַלט אַנידער צו דער ערד).

(פאָראַנג פאַלט).



## ערשטער אַקט.

(אויף אַ פעלד זיצן בעזשענצעס (אַרויסגעטריבענע) אויף זייערע פעקלעך, וועלכע זיי האָבן ארויסגעראַטעוועט. אַרום זיי גייען פאָליציאַנטן מיט קאַנטשוקעס אין די הענט און היטן אויף מ'זאָל ניט אַנטלויפן).

**שלמה:** אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן אין שטעטל, געאַרבעט ווי אַן אייזל פון פריען באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, געדינט דער מלוכה מיט לייב און לעבן און היינט, אויף מיינע עלטערע יאָרן ווען די כחות דינען שוין ניט מער, מוז איך פאַרלאָזן מיין היים, מיין הויז, מיין געווינטן ווינקעלע, אויף הפקר אַלץ איבערלאָזן, מיין גאַנצן האָב און גוטס, וואָס איך האָב מיט שוויס אין מיין לעבנס-פאַרלויף אָנגעזאַמלט. איצט איז עס פאַרבליבן — פאַר וועמען? אונז טרייבט מען ארויס — גאָט ווייס וווהין און ווער ווייס, צי מיר וועלן נאָך דערלעבן אמאָל צו זען אָט יענעם ווינקעלע?

**רחל:** באַרויק זיך אַביסל, נעם אביסל וואַסער (דערלאַנגט אים אין אַ קריגל וואַסער) וואָס וועט העלפן דיין ריידן און קלאָגן, מיר זיינען דאָך דאָ ניט די איינציקע.

**שלמה:** רחל, דו בינסט גערעכט, ווי דער אויבערשטער וועט געבן אזוי וועט עס זיין.

**פסח:** ר' שלמה, מיר יידן זיינען געבאָרן אויף צרות און וועלן שטאַרבן אין צרות, ווו ס'איז א צרה — דער ייד איז שולדיק! אויפן יידנס קאָפּ לאָזן זיך אויס אַלע צרות. קודם כל—האַלט מען מלחמה מיטן יידן.

**שלמה:** ס'איז אַן אַלטע געשיכטע, דאָס דער ייד איז אומעטום דער שעיר לעזאזל. מיר זיינען אומעטום שטיפקינדער און אַלעמען גרויס אין די אויגן. בשעת מ'דאַרף אונדז — גלעט מען אונדז איבערן קאָפּ ווי אַ קליין קינד, און אַז מ'האָט אונז שוין אויסגענוצט—איז להרוג ולאבד. מ'זוכט שוין עפּעס אויס געגן אונז פון אונטער דער ערד. מה חטאתי? מיט וואָס האָבן מיר יידן מער געזינדיקט ווי אַלע אומות העולם?

**דוד:** ווייסט פֿאָטער פֿאַרוואָס מ'האָסט אונז דאָ? ווייל דאָ איז ניט אונזער לאַנד.

**שלמה:** מיין קינד, וואָס קען מען טאָן, דאָס פֿינסטערע לעבן האָט אונדז, יידעלאַך, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע טרעטן אונז מיט די פֿיס. מיר ליגן אין שטעט צוזאַמענגעקנוילט ווי מוראַשקעס און ווער עס וויל טרעט אויף אונזערע קערפּערס און שפּייט אין פּנים.

**דוד:** זאָגסט, אונדזער פֿאָלק, מיליאָנען איז זייער צאָל, זיינען צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט און לעבן אין פּיין און ליידן פֿון אַ יעדער כוליגאַן; צודען וועט צודעם קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען, האָבן מיר שוין אַלע האָפֿנונגען פֿאַרלאָרן? איז דען ניט עקלהאַפֿט אַזאַ לעבן פֿון אַ פֿאָלק?

**שלמה:** אונדזער האָפֿנונג ליגט אין ווילן פֿון רבונו של עולם. ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע יידן, טויטע און לעבעדיקע, וועלן זיך געפֿינען אין אונדזער אַלטע הייליקע לאַנד, אין ארץ ישראל.

**דוד:** אָבער ביז יענער צייט, ביז משיח וועט קומען וועט דאָך פֿון יידן קיין זכר ניט בלייבן, די געדולד קען דאָך פּלאַצן פֿון אַזוי לאַנג וואַרטן.

**שלמה:** דער גלות איז פֿאַר אונדז אַ לייטערונגס-לאַנד און ווען דער פֿאָלק וועט אינגאַנצן אויסגעלייטערט ווערן פֿון זיינע זינד, וועט ווערן גוט און פֿרום דאַן וועט ער ערשט פּייאיק זיין צום אייגן לאַנד, דאַן וועט....

**דוד:** (האַקט אים איבער) דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין, אַ פֿאָלק וואָס לעבט צווישן פֿרעמדע און ביי פֿרעמדע, צווישן פֿאַרדאָרבענע קען זיך ניט אויסלייטערן. אַ גלות-פֿאָלק אין אַזוינע באַדינגונגען וועט זיך אויסלייטערן? כאַ... כאַ... כאַ... ער קען שמוציקער ווערן, ער קען דערגרייכן דעם העכסטן פּונקט פֿון נידערטרעכטיקייט און הפקרות.

**פּסח:** (אַ ביסל אויפֿגערעגט) רייד ניט אַזעלכע אַפּיקורסישע דבורים, ווי האָסטו עס געהערט, מען טאָר אַפֿילו ניט טראַכטן אַזוי.

**דוד:** (מיט די זעלבע התלהבות) אויף נסים וועלן מיר זיך ניט דערוואַרטן. מיין קליינער מח זאָגט מיר, אַז מיר אַלע יידן פֿון דער גאַנצער וועלט, דאַרפֿן אַנשטאָט וואַנדערן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פֿון איין פֿרעמד-לאַנד צו אַ צווייטן,



גיין אַהין צו דעם לאַנד, וואָס געהערט אונדז, און מיט ליבע צום לאַנד וועלן מיר גובר זיין אַלע מכשלים.

**שלמה:** (גיט אַ מאַך מיטן האַנט) קינדערשע דבורים, דיין מח'ל זאָגט דיר פֿאַלש, ס'איז נאַריש די גאַנצע רייד, ווען מען וואָלט עס געקענט וואָלטן די יידן עס שוין פֿון לאַנג אויסגעפֿירט. וואַרף אַוועק די דאָזיקע נאַרישע געדאַנקען.

**פּסח:** איצט דאַרפֿן מיר קלערן פֿון אונדזער מצב און ניט פֿילאָזאָפֿירן, אָנפֿאַנג מלחמה, בשעת מען האָט פֿאַרנומען עטלעכע שטעט פֿון שונא זיינען מיר יידן געוועזן גוטע און פֿיינע. היינט ווי זיי האָבן געכאַפּט די ערשטע מפּלה — ווער האָט אין דעם די שולד? — דער ייד. מ'האָט אויסגעטראַכט אַזעלכע שקר-בלבולים אויף אונדז, וואָס דעם מענטשנס מח באַנעמט דאָס גאָר ניט. דער דייטש, בשעת ער איז אריין צו אונדז — האָט אויך צוגעזאָגט הרים וגבעות, אַז ער וועט באַפֿרייען דאָס לאַנד פֿון כאַמעס, פּאָגראָמשטשיקעס און שקר בלבולים.

**לאה:** (האַלט ביים נאָז אַ שטרויסל בלומען) ווי שיין די בלומען שמעקן דאָ אין פֿעלד.

**דוד:** פֿאָטער, זיי ניט פֿארצווייפֿלט, מיר זיינען דאָך דאָ אלע צוזאמען.

**רחל:** שלמה, ווי גאָט וועט געבן אַזוי וועט זיין, פֿארגעס אלץ און נעם זיך ניט צום הארצן.

**שלמה:** מה נאמר ומה נדבר, (גיט אשאָקל מיטן קאָפּ און זינגט.)



א בעזשענעץ בין איך געווארן
פֿארטריבן ווייט, ווייט פֿון מיין היים
מיין האָב און מיין גוטס האָב פֿארלאָרן
כ'קען אויף מיין' פֿיס שוין ניט שטיין

א בעזשענעץ בין איך געווארן
פארוואָס ווער איך שנאה'ש געיאגט
אויף מיינע גרוי-אלטע יאָרן
האט מיך מיין מזל געפלאגט.

א בעזשענעץ בין איך געווארן
וווהין זאל איך איצטער גיין
פון צרות און קעלט בין דערפרארן
ווי קען איך דערטראגן דעם פיין?

**רחל:** שלמה, בארויק דיך, גענוג שוין צו טרויערן. דו ביזט דאך דאָ ניט אליין; פארוואס זיינען אלע שטיל? פון אלעמאל איז אלץ אויף דיין קאפ—ס'איז א גזר מן השמים,—וואס קענסטו איין מענטש אליין מאכן? מיטן ריידן וועסטו זיך גאָר ניט העלפן

**פסח:** ער נעמט זיך שטענדיק אן אלעמעס קריוודע, ער איז שוין אזא מענטש, גאָט זאל אים העלפן דערפאר.

**דוד:** (קורצע פויזע) פאטער, סאיז דא אַ גאט פון נקמה?

**שלמה:** קינד מיינער; מיר יידן טאָרן ניט וויסן פון נקמה, ווער עס גראבט אַ גרוב פאר אַ צווייטן דער פאלט אליין אריין; דאס איז שוין אַן אַלטער געזעץ.

(מ'הערט מיט אַמאָל אַ היסטערישן געוויין פון דער יונגער אלמנה חנה. אַרום איר שטייען דריי קליינע קינדערלאַך און וויינען. אַלע קומען באַלד צו הילף, מען מינטערט זי מיט וואַסער, באַלד קומט זי צו זיך, עפנט די אויגן און זינגט):



אין קריג אַוועק מיין טייער מאַן,
אין ווייטן וועג—מיין ליכט, מיין שיין,

כאָר: אך און וויי, ווען וועט זיין,
ווינד און וויי—אַ סוף צום פיין.

---

ער איז גאנץ ווייט אוועק אין שלאכט
א לאנגע צייט זיץ איך און וואַרט

כאָר: אך און וויי...

---



אה, טויט איז ער, מיין מאן, מיין קרוין
ער לעבט ניט מער—דערשאסן שוין.

כאָר: אך און וויי...

---

ער האט געקראגן „געארגי דריי"
איז באגראבן אין פעלד גאנץ פריי.

כאָר: אך און וויי...

---

מען טראגט אריין אַ שווארצן בריוו,
מיין הארץ פאלט איין און שלאגט גאנץ טיף.

כאָר: אך און וויי...

---

אלמנה כ'בין אויף גאָטס באַראָט,
האָב רחמנות ליבער גאָט.

אַך און וויי...

---

מ'שלעפּט אַוועק אונדז אין דער ווייט
אין האַס, אין שאַנד אין אָרעמקייט

אַך און וויי...

---

ניטאָ קיין מאַן, ניטאָ קיין היים,
נע-ונד איינע אליין.

אַך און וויי...

---

**רחל:** שיינע, באַרויק זיך שוין, האָב רחמנות אויף דיינע עופה'לאך. נאַ, נעם אַ שלוק וואַסער (דערלאַנגט איר אין אַ טעפּל וואַסער).

**שיינע:** (נעמט אַרום די קינדער) ווו איז אמת און ישר? פאַרוואָס קומט מיר אויף מיינע יונגע יאָרן אַזאַ סוף? (הייבט די הענט צום הימל) פאָטער גרויסער, העלף מיר אַרויס פון מיינע צרות.

**פסח:** דאָס האָט מען פאַר טרייקייט צום קייזער און פאָטערלאַנד, איר מאַן איז דאָך שוין געוועזן פון די בעסטע סאָלדאַטן; זיך אויס-געצייכנט מיט מעדאַלן און אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר חברים— וואָס פאַר אַ דאַנק האָט דער ייד? — דער דאַנק איז דאָס מען טרייבט זיין פרוי מיט זיינע קליינע קינדערלאַך

אַרויס פון זיין הויז, פון זיין לאַנד אויף גאָטס באַראָט און
ווער ווייס וווהין?

**שלמה:** פאַר דעם יידן איז ניטאָ קיין זכות. אַ ליאדע שכור,
גנב, מערדער, אַרומטרייבער איז אַ מענטש מיט אַלע רעכט,
אָבער דער ייד?—האָט ליגן מיר ווי בהמות אויף פעלדער,
צווישן וועלדער און אין רחום בדין, איז די פראַגע היינט
אַזוי: וווהין טרייבט מען אונדז און וואָס וועט זיין מיט
אונדז ווייטער?

**רחל:** שלמה, וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל, דאס וועט אויך
זיין מיט רב׳ ישראל און האב ניט קיין מורא. מיר האבן
אַן אויבערשטן אין הימל און ער וועט אונדז ארויספירן פון
אלע צרות.

**דוד:** פון אַן אייגענע לאַנד וואָלט מען אונדז איצט ניט
אַרויסגעטריבן.

**לאה:** ס׳איז טאקע ריכטיק ווי דוד׳ל זאגט: אויב די פויערים
וואָלטן געווען יידישע, די באאמטע — יידישע, די מלוכה
א יידישע — ווער וואלט זיך אליין פון אייגענעם הויז און
פון שיינעם גאָרטן אַרויסגעטריבן?

**שלמה:** ס׳איז מסתמא אזוי באשערט, מיר זאָלן זיין גלות מענטשן.

**דוד:** יאָ באַשערט!!

**פסח:** דער ייד ווייס זיין גאנצן לעבן ניט ווו ער קען מגולגל
ווערן. ער לעבט אין עולם התוהו און זיין קאָפּ שוועבט אין
דער לופט. ווו נאָר אַ צרה — דער ייד איז שולדיק,
צו קיין שמחה רופט מען אים ניט. וויפל גזרות און צרות
האָט שוין דער יידעלע דורכגעמאַכט, אָבער ער גייט
ניט אונטער. וויפל פעלקער זיינען שוין אומגעקומען,
קיין סרד ופליט איז ניט געבליבן פון זיי — דער יידעלע
אָבער, לעבט און וועט לעבן און אַלע שונאים זיינע
אַריבערלעבן.

**דוד:** (קוקט אין דער ווייטן). פאטער! מוטער! זעט עס קומען
דאָרט אָן סאלדאטן מיט ביקסן אין די הענט. (אַלע
טוליען זיך צוזאַמען פון שרעק און מ׳וואַרט שטיל אָפּ וואָס
דאָ וועט זיין).



**I גאַרדאָווי:** איי, זשידעס, מאכט זיך פאַרטיק צום וועג,
נעמט צוזאַמען די זאכן און שטעלט זיך אלע אויס.

**II גאַרדאַווי:** (פאָכעט מיטן קאַנטשוק). מאַרש אלע זשידעס
ווייטער (די יידן נעמען לאַנגזאַם גיין און מ׳הערט שטיל:
«אַ בעזשענעץ בין איך געוואָרן»). (זע זייט 9-10).

(פאָרהאַנג פאַלט)

## צווייטער אַקט.

**1917 אין רוסלאַנד.**

(שלמה׳ס פאַמיליע זיצט רויק אַרום אַ טיש ביי אַ סאַמאָוואַר טיי און טרינקען. אויף פּאָליצעס און שריינק ליגן פּעק אויסגעלייגטע סחורות).

**שלמה:** נאָר געזונט, מען טאָר ניט זינדיקן.

**רחל:** ס׳איז אַלצדינג אמת, אונדז איז גוט, אָבער מיין האַרץ איז עפּעס ניט גאַנץ רויק.

**שלמה:** אַלעמאָל זוכט מיין רחל פון אונטער דער ערד עפּעס אַרויס און געפינט אַ תּירוץ וואָס צו זאָגן. פאַר די גאַנצע צייט האָט זיך אויף אירע ליפּן ניט באַוויזן אַ פריילעכע מינע. די גאַנצע צייט קוואָקטשעט זי און קוואָקטשעט. דאָ איז איר אַזוי, און אַזוי, אבי נאָר דרייען אַ קאָפּ, אַבי קלאָגן און וויינען. (ווענדעט זיך צו רחלען) רחל, דו זאָלסט וויסן, דאָס מ׳געוווינט זיך צו אַלץ צו. געדיינקסט די ערשטע צייט, ווי דו האָסט געוואָלט פון דאַנען אַנטלויפן? ביסלאַכווייז האָט מען זיך איינגעלעבט און ס׳לעבט זיך. איז דען שלעכט? (עס עפנט זיך די טיר און דוד קומט אַריין).

**דוד:** איך קום איצט פון פּסח׳ן דאָרט אין די גאַסן זיינען פאַר־זאַמלונגען פון אַרבעטער און איך האָב געהערט פון זיי געשרייען, אַז זיי ווילן ניט קערענסקעס מלוכה און מ׳רעדט עפּעס פון אַ לענינען און פון טראָצקען פון באָלשעוויזם.

**שלמה:** דאָ וועלן מיר שיין קיין נחת ניט דערלעבן. איך האָב שוין פריער געהערט, דאָס די טאָלדאַטן פאַרלאָזן די פּאָזיציעס; ס׳איז ניטאָ אַזאַ קראַפט, וועלכע זאָל זיי קענען אָפּהאַלטן. ווי אייִשעריקן אַנטלויפן זיי. גאָט ווייס וואָס דאָ וועט נאָך זיין!

**רחל:** וואָס זאָל מען טאָן שלמה, קלערסט שוין צופיל, ווי ס׳וועט זיין מיט כל ישראל אַזוי וועט זיין מיט ר׳ ישראל, גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן.



**שלמה:** מ׳דאַרף דערווייל צוזאַמענלייגן די סחורות, וועלכע וואַלגערן זיך אומעטום אין די קאַסטנס, מ׳ווייס ניט וואָס היינטיקע צייטן קען זיך מאַכן.

**רחל:** קום דוד׳ל, העלף מיר צוזאַמענלייגן, דערלאַנג די סחורה. (לייגט אַריין אין קאַסטן).

**דוד:** פאַר יעדער קלייניקייט דערשרעקט איר זיך באַלד.

**שלמה:** (שאָקלט מיטן קאָפּ). קוים זיך געבראַכט צושלעפּן אַהער און וואָס איז היינט? דער ייד האָט ניט קיין תּקומה. פאַרשאָלטן איז ער מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט. אַן אויפיקער וואַנדערער, עסן ביי אַ פרעמדן טיש און אומעטום, זיין אַן איבעריקער און כסדר אין שרעק און מורא.

**דוד:** פאָטער, מיר דאַכט זיך, דאָס מ׳זינגט אפן גאַס (לייפט צו צום פענסטער. הערט רעוואָלוציאָנערע לידער).

**שלמה:** מן הסתם ווייטער נייס, שוין אַ צייט רויק געווען. עס טומלט זיך שוין ווידער.

**רחל:** גייט אַוועק פון פענסטער! (מאַכט צו די לאָדן).

**שלמה:** יאָ, מיר וועלן שוין דאָ קיין נחת ניט האבן עס נעמט קיין סוף ניט צו דער פרייהייט. איין מהרה אַראָפּ, אַ צווייטע אַרויף. אַלע ווילן הערשן. מיט וואָס טויג ניט קערסקעס רעגירונגז נאָך ניט לאַנג ווי אַ רעוואָלוציע איז געווען און ס׳איז שוין ווידער הימלאַך אין די גאַסן; גאָט מיינער, עס וועט אַמאָל שוין נעמען אַ סוף צו די דאָזיקע רעוואָלוציעס?

**דוד:** הערט דעם טומל אפן גאַס!

**רחל:** (שליסט זיך אָפּ די טיר) אַלע זאָלן שטיל זיין און זיך אין די פענסטער ניט באַווייזן.

**דוד:** מוטער, מיר דוכט זיך אז מ׳קלאַפּט אין טיר. (אַלע ווערן צעשראָקן).

**שלמה:** (הערט זיך צו) עס איז פּסח׳ס קול — גייט אופמאַכן! (רחל שליסט לאַנגזאַם אוף דאָס טיר און פּסח מיט זיין פאַמיליע כאַפּן זיך פלינק אַריין איינעווייניק).

**רחל:** גאָט האָט אייך דאָ געבראַכט, וואָס איז ס'איז ווידער פריילאַך? וואָס איז ווידער געשען? — דערציילט!

**פסח:** (אָן אַן אָטעם) קוים וואָס מיר האָבן זיך ביז דאַנען דער־שלעפּט. אין אונדזער געגנט איז סדום און עמורה, עס גייט אַזאַ שיסעריי, דאָס מיר זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן, אַלע ווילע אַנדערע מלוכות, אַנדערע פירער. ווער קען זיי, ווער ווייס זיי. אַ גוטער ייד זאָל זיי ניט קענען און ניט וויסן. סאָלדאַטן, אַרבעטער און מאַטראָסן האָבן איבערפולט די גאַסן און לויפן ווי פאַרסאַמטע — ס'איז פשוט אַ חורבן; איינער שיסט אין צווייטן, מ'ברעכט און מ'שטעכט און מ'מאַכט א תל עולם פון אַלץ. גאָט ווייס דעם סוף?

**דוד:** שאַ, הערט צו די שיסעריי.

**לאה:** מוטער איך האָב מורא (טוליעט זיך צו דער מאמען).

**אסתר:** שרעק זיך ניט מיין קינד (נעמט זי אַרום).

**רחל:** שרעק זיך ניט מיין קינד, מיר זיינען דאָך דאָ אַלע צוזאַמען איר וועט דאָ אַלע בלייבן ביז עס וועט שטיל ווערן.

**שלמה:** גאָט זאָל געבן מיר זאָלן דעם איצטיקן טומל און שרעק אַריבערקומען, נחת וועלן מיר שוין דאָ ניט דערלעבן. ווי אַנטלויפט מען פון אַזאַ גיהנום מיט גאַנצע ביינער; ווי קומט אָבער אַ קאַץ איבערן וואַסער? מיר מוזן קוקן און שווייגן. איידער וואָס ווען דאַרף מען די ביסל זאַכן וואָס מיר פאַרמאָגן בחדרה חדרים באַהאַלטן, ווייל בעלנים אויף דאָס וועלן זיך געגוג געפינען.

**לאה:** מוטער, איך פריי זיך, דאָס מיר זיינען דאָ אַלע צוזאמען ביי ר' שלמה'ן.

**דוד:** איך שרעק זיך גאָרניט. ווען מ'לאָזט מיר—גיי איך אַרויס אפן גאַס צוזען ווי דאָרט גייט צו.

**שלמה:** דו שווייגסט דוד, עס פעלט דיר צרות; ווילסט זיך און אונדז אומגליקליך מאַכן?!

**רחל:** שווייג שוין בעסער דוד'ל. ווו נאָר אַ געפּאַר—איז ער. וואָס טוט מען פאָרט צו אים?

**פסח:** ער איז נאָך אַ קינד, ער ווייס וואָס ער פלוידעט? וואָס עס פאלט אים אַריין אין קאָפּ אַזוי רעדט ער.



**שלמה:** ניט פאַגראָבן און ניט באַשאָטן זיינען מיר דאָ. ווי ווערט מען אָבער נצול פון דאַנען? גאָט מיינער, פאַרוואָס קומט אונדז דאָס?!

**פסח:** ר' שלמה, בארויקט זיך, מיר דאַרפן האָפן צו גאט.

**שלמה:** הא פסח, דער ייד איז אלעמאל און אומעטום דער שעיר לעזאזל, און ווייניג צרות האט ער שוין אויס־געשטאנען?

**פסח:** היינט זע איך, דאס דא איז שוין קיין ארט ניט פאר אונדז, מיר מוזן זוכן מיטלען, וואס גיכער אנטלויפן פון דאנען און דאס מוזן מיר ריכטיק באקלערן. איך מיין, דאס אונדז בעזשענצעס, קען מען דא ניט פאר־האַלטן און מ'מוז אונדז לאָזן גיין אַהיים פון וואַנען מיר זיינען געקומען.

**שלמה:** איך קען דיר זאגן פסח, דאס איך האב שוין פון עטלעכע מענטשן געהערט, אז עס האט זיך דא געגריינדעט אַ ליטווישער קאָמיטעט, וועלכער גיט הילף אלעמען זיך צוריקצוקערן, אַהיים.

**פסח:** ווי נאר עס וועט רויק ווערן, מוזן מיר גיין נאָכפרעגן ווו דער קאָמיטעט געפינט זיך.

**רחל:** גאָט זאל שוין געבן די מינוט סע זאָל נעמען א סוף צו אונדזערע צרות. וואס טויגן דאָ אונדזערע גליקן, ווען יעדער טאָג שטייט אונדזער לעבן אין געפאַר?!

**אסתר:** ווער ווייס ווען ס'וועט שטיל ווערן?

**רחל:** מיר לאזן אייך ניט אָפּ אסתר, ביז ס'וועט אומיטום ניט שטיל ווערן.

**דוד:** שאַ, הערט ווי מ'שיסט!

**רחל:** ס'איז ניט קיין פלאַן צו זיצן אַ גאַנצע נאַכט.

**שלמה:** איך מיין אויך, דאָס מ'דאַרף בעסער זיך צולייגן און אויסרוען די ביינער מיט די נערוועז פון שרעק און לייפּעניש.

**פסח:** מיר דאנקען אייך פאר אַלץ, מיר וועלן אַלעמאָל דערמאָ־נען די צייטן ווי מיר האָבן אומיטום פארבראַכט צוזאַמען

אין פרייד און אין לייד. מיר דאַרפן ניט פארלאזן איינער דעם צווייטן, ביז מיר וועלן ניט קומען אין דער אַלטער היים.

**רחל:** ס'איז שוין שפעט, נאַט אייך אלעמען קישנס, מיר וועלן זיך שוין אהינטאן ווער אויפן זאָפקע, ווער אויף דער ערד וואָס קען מען אין אזא צייט טאָן? (אלע נעמען די קישנס און לייגן זיך אויף דער ערד. אין צימער ווערט פינטטער).

**שלמה:** אַ גוטע נאכט! (פון צייט-צו-צייט הערן זיך שיסערייען).

(פאָראַנג פאַלט).



## דריטער אַקט.

(שלמה און פסח מיט זייערע פאמיליעס זיינען שוין צוריק פון רוסלאנד אין זייער אַלטער ליטווישער שטעטל. שלמה האט זיך ווידער געגומען צו קרעמעריי און פסח—צו זיינע ווינטגעשעפטן).

(שלמה זיצט איצט און זיין קרעמל ביים טאָמבאנק, בלעטערט דעם בוך מיט די חובות און זינגט:



אט זיץ איך מיר אין קרעמל
פון פרי ביז שפעט ביינאכט,
ביים צאַנקענדיקן פלעמל
און גיב איך זיך אַ טראַכט:
האָ —

א וועקסל צאָלן מאָרגן
געלייזט היינט ווייניק געלט,
פון חובות שוין דערוואָרגן,
עס ענדיקט זיך מיין וועלט...
האָ —

א גמלת-חסד גיכער
עס פעלט מיר נאָר א רעסט,
ווען ניט גייט ער אף זיכער
צום נאָטאר גלייך פראָטעסט
האָ —

**שלמה:** וויפל צרות און יסורים זיינען מיר אויסגעשטאַנען, ביז מיר זיינען צוריק פון רוסלאנד אהער געקומען. ווידער אריינגעקראכן אין די פינסטערע קרעמל, ווידער זיך גענו-מען צו דער ביטערער פרנסה. א שונא בין איך ניט מקנא

צו זיצן אין קרעמל פון באגינען ביז ביינאכט און וואָס? כל דכפין—ווער עס האט א האנט, ווער עס האט א פוס— אלע קומען און נעמען. פון באצאָלן וויל קיינער ניט וויסן, ווען באצאָלן? וואס באצאָלן? דאס איז אַן איבעריקע זאַך. דעם יידנס בלוט איז הפקר. (פויזע) אט אזוי זיץ און שרייב איין אין בוך די צרות.

**רחל:** שלמה, וואס העלפט דיין קלאָגן און וויינען, נעם זיך שוין ניט צום הארצן וועגן אַלץ. בעסער ניט געבן און ניט קלאָגן. געדיינק אונדזערע צרות אין רוסלאנד, געדיינק וואס מיר האָבן אַריבערגעטראָגן פון די רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען און שחיטות; פאַרגעס ניט שלמה, דאָס מיר זיינען געזונט געקומען אהיים און זיצן היינט ווידער אין אונדזערע אייגענע פיר ווענטלאַך.

**שלמה:** נייע ערטער—נייע גזורות. פארן צאַרס צייטן זיינען מיר געוועזן ארויסגעשטויסענע פון לעבן און ניט געהאַט פראָוואַזשיטעלסטווא אָבער ברויט האָבן מיר געהאט, איצט ווען דאָ איז שוין אַן אומאפהייניגיקע לאַנד און מיר זיינען פרייע בירגער — האָבן מיר קיין ברויט און דעם לעצטן ביסן פון מויל רייסט מען ארויס. כל-ארליי מיטלען זוכן זיי אויס: קאָאָפּעראַטיוון, שמאפעראַטיוון און אנדערע שטיקלאַך אַרבעט, נאָר אונדז צו דריקן, פאַרקאָנקורירן און הייגג צו מאַכן...

**רחל:** מיר זיינען דאך אבער אין אונדזערע פיר ווענטלאַך, א שטיקל חיונה האָבן מיר דאָך, וואָס האָבן מיר דערווייל צו טראַכטן און זאָרגן? איי מאָרגן—ווערט גאָט זאָרגן, ער האָט דאָך ביז היינט אויך באַזאָרגט.

**שלמה:** אט דאָס איז די צרה, וואָס די פיר ווענטלאך זיינען אויך ניט אונדזערע... רחל, דו האסט פאַרגעסן, דאס איך דאַרף מאָרגן צאָלן אַ וועקסל, לויף צום שכן און בעט לייען 50 ליט, די באַנק וואַרט ניט און דער נאָטאַר נעמט באַלד עטלעכע ליט דערפאַר. (רחל כאַפּט א פאַטשיילע אפן קאָפּ און לויפט ארויס פון קראָם).

**שלמה:** אך, צרות, צרות היינטיקע פרנסות, מ׳נעמט די שויב פון איין פענסטער און מ׳שטעלט אַריין אין אַ צווייטן. דוד׳ל וואלט וויניקסטנס מיטגעצויגן דעם יאך וואלט געזעסן א מינוט אין שטוב; האָט בלייב איך אליין און טאָמער



דאַרף מען וואָס—ניטא ווער זאָל העלפן, איך קען זיך ניט צערייסן אויף אַלע זייטן. (עס עפנט זיך די טיר און פסח קומט אַריין).

**פסח:** אַ גוטן מאָרגן אייך ר׳ שלמה! וואָס זייט איר אזוי צעטראָגן? עס דוכט מיר, דאָס צו צרות זיינען מיר שוין געוווינט.

**שלמה:** רייד שוין גאָרניט פסח, מען האָט קינדער און זיי טראַכטן פון אונדז ווי פון נעכטיקן שניי. היינטיקע קינדער פילן די עלטערן מיט? זיי שלעפּן מיט דעם וואָרן זיי זיינען אַריינגעטאָן אין זייערע עסקים און שריי צו זיי פון היינט ביז מאָרגן, דאָס ווערט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. טאָג און נאַכט יינגלאַך מיט מיידלאַך אין לאָקאַלן, אין «קבוץ», צו אַ פאָרטראַג. קורץ און גוט; מער ווי אָפּעסן קומען זיי ניט און שריי הוי-וקים.

**פסח:** וואָס קענען מיר פאָרט אָנהייבן צו טאָן; מיין לאה׳לע, זאָל געזונט זיין, איז ווי משוגע. מ׳זעט איר ניט אָן אין די אויגן, אף גאַנצענע טעג ווערט זי פאַרפאַלן, זי געהערט צו די צאָפּיסטן, (שלמה קוועטשט מיט די פּלייצעס) ווייסט דאָך מיט די גרינע בלוסקעס, וואָס זאָל איך זאָגן, פאָרן זיי אוועק אויף נאַנצע חדשים, וואַלגערן זיך אויס אין אַלע וועלדער, איך מאַך אַן אָנשטעל, אַז כ׳בין בייז און איך שריי, אָבער אין דעו אמת׳ן טוט עס מיר הנאה: זיי קומען אָפּגעברענטע פון דער זון, מונטערע, און אין מיינע אויגן קוקן זיי דאָך גאָר שענערע און ריידן קענסטו מיט זיי, ווי מיט מיניסטאָרן, פון אַלצדינג ווייסן זיי—האָבן עס אונדזערע ווייבער, אונזערע מאַמעס אַ מאָל געוווּסט?

**שלמה:** איז כאָטש דיינע אַ מיידל, כ׳ווייס, איז דאָס אויך קיין תכלית ניט; דוד קען דאָך אפילו קיין שטיקל טשערקעס אָדער לייוונט ניט פאַרקויפן, בא אים איז אַלץ איינס טשערקעס, לייוונט און דאַטשקע. וואָס ווערט זיין דער סוף? ווו איז דער תכלית?—אין קיין ישיבה וויל ער ניט גיין פאַר אַ גימנאַזיע האָב איך קיין געלט ניט און ס׳איז אויך קיין תכלית ניט; קנאַפּ געענדיקטע זיינען דאָ, וואָס האָבן אָפּגעלערנט זייער גאַנצן לעבן און גייען אָן פאַדעשוועס?

רחל: (לניפּט אַריין אָן אַן אָטעם און דערלאַנגט שלמה'ן 50 ליט).
נאַ, איצט וועסטו שוין זיין רויק, איצט לויף און באַצאָל.
(שלמה טוט זיך אָן דעם ראָק און גייט אַרויס).

פּסח: רחל, איצט זיינען מיר אונטער פיר אויגן, רחל איך זאָג אייך, דאָס אונדזערע קינדער זיינען פולשטענדיק גערעכט. וואָס קענען זיי דאָ ביי אונדז דערלעבן. וואָס ווייטער ווערט אַלץ ערגער די צייט. זייערע קינדערשע הערצער פילן אַלץ גאַנץ גוט און זעען דאָ גאַנץ גוט, ווי מיר יידן זיינען דאָ ללעג ולקלס געוואָרן. וואָס איז זייער צוקונפט דאָז מיר זיינען דאָך דאָ שטיפקינדער, וואָס קען דאָ דער ייד דערלעבן. פון אַלע לעבנס-פּאָזיציעס ווערן מיר וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסגעשטופּט און וואָס וועט זיין דער סוף? מיר זיינען שוין גענוג מאַטעריעל און גייסטליך נידערשלאָגן, אויף אונזערע פּנימ'ער איז דער הושכ'דיקער גלות-לעבן אויסגעמאָלט, האָבן מיר דען דעם גלאַנץ, מוט און שטאָלץ וועלכן עס האָבן אונדזערע קריסטלעכע שכנים? קוקט אויף זייערע פּנימ'ער, אויף זייערע גופים-אַלץ לייכט, אַלץ קוועלט.

רחל: מיין דודל שרייט שוין דאָס די גאַנצע צייט. ניט לאַנג ווי ער און זיינע חברים זיינען געקומען פון הכשרה און זיי האָבן שוין באַקומען אן אנדער הויט אויף זיך, זיי זיינען גאַנץ אַנדערש געוואָרן. דער קבוץ האָט זיי גאָר אויפגע-מונטערט, אויפגעלעבט און זיי ענטוויקלט. זיי זיינען איינפאַך גבורים געוואָרן. מיין דוד, קיין עין-ערה, האָט אַן אַפּעטיט, אויף אונז געזאָגט. מיין דוד וויל פון קיינע גליקן ניט וויסן, ער פּעקלט זיך עפּעס טאָג און נאַכט. מיר מערקן דאָט, אָבער מיר מוזן שווייגן, אָן אים בלייבן מיר דאָ עלנטע ווי שטיינער.

פּסח: איר מיינט דאָס ביי מיר איז אַנדערש? מיין לאה איז גרייט אָפּצופּאָרן יעדן טאָג. וואָס הייסט זיך פּעקלען?! איר ווערט דאָס גאָרניט מיאוס... איך בין דערגאַנגען, אַז דיין דוד מיט מיין לאה'ן זיינען פאַרשריבן אויף איין סערטי-פיקאַט, אזא מין וויזע און קלייבן זיך פאָרן קירצליך מיט אַ גרופּע חלוצים קיין פּאַלעסטינע. צווישן אונדז גערעדט רחל, מיר בלייבן דאָ טאַקע עלנט, אָבער מיין הארץ פרייט זיך און פילט, דאָס די קינדער גייען צום גליק. וואָס זאָלן זיי



דאָ מאַכן, קרעמער ווערן?— קרעמעריי גייט אונטער, צו דען איז דאָס אַ תכלית פאַר זיי?

רחל: ס'איז טאַקע אלצדינג ריכטיק, אָבער מיר זיינען דאָך שוין אַלט און קאַלט. ווער וועט אונדז אויף דער עלטער אַ גלאָז וואַסער דערלאַנגען?

פּסח: איך מיין, דאָס מיר וועלן שפּעטער פאַרקויפן בכול אשר לכול און פאָרן צו זיי. זאָלן זיי נאָר געזונטערהייט דאָרט אָנקומען און נאָך זיי פּעקלען מיר זיך.

שלמה: (קומט אַריין פאַרסאָפּעט) גאָט צו דאַנקען, באַצאָלט דעם וועקסל, ווידער אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן!

רחל: שלמה, וואַש גיך די הענט און נעם וואָט אין מויל, דו ביזט דאָך שוין הונגעריק. (שלמה זעצט זיך צום טיש און עסט). וואָס זאָגסטו שלמה? אונזער דוד'ל קלייבט זיך שוין אין וועג קיין פּאַלעסטינע, הער וואָס פּסח דערציילט!

שלמה: מה נאמר ומה נדבר.

פּסח: מיין נשמה איז אויך ניט קיין לאָפּעטע, לאה איז אויך מיינע אַ קינד. האָב איך דען ניט אַ פאָטערס הארץ? וואָס קענען מיר טאָן? די גאַנצע יוגנט לייפט ווי פאַרסאַמט פון דאַנען. מיר זיינען ניט די איינציקע, זיינען מיר דען בכח אָפּצושטעלן אַזאַ כוואַליע?

דוד: (עס עפנט זיך די טיר און דוד לויפט אַריין אויסגערויטיקט) טייערע עלטערן! איך מוז אייך מיטיילן, דאָס איך פאָר היינט אָפּ קיין ארץ-ישראל. אונזער גרופּע חלוצים האָבן באַקומען די סערטיפיקאַטן! (דערזעט פּסח'ן) האַ, פּסח! איך וועל שוין פארדינען די מצוה... לאה'לה פאָרט אויך מיט אונדזער גרופּע.

פּסח: (דערשטוינט) אַף אַזאַ שנעלן אָפּפאָר האָב איך זיך נאָך ניט גערעכט, זי איז דאָך נאָך ניט לאַנג פון הכשרה געקומען און אַזאַ יונגע, אַליין אָן עלטערן אין אַזאַ ווייטע רייזע?!

דוד: זי האָט גליק «הכשרה» און גלייך «עליה». דאָ איז מען סיי-ווי-סיי ניט קיין דאָאיקער, דער גאַנצער «איך» געהערט צו דער אויפבויענדיקע לאַנד. (דערמאָנט זיך און ווענדעט זיך צו דער מוטער) — מוטער, ווו זיינען מיינע זאַכן? איך וויל

ניט וואַרטן אויפן לעצטן מאָמענט די חברים-חלוצים קומען אונדז היינט אָפּנעמען.

**שלמה:** ווי גאָט וועט געבן אַזוי וועט זיין! רחל, גיב דוד׳לען וואָס ער האָט נויטיק.

(רחל פאַרטרויערט שלעפּט צוזאַמען וועש מיט זאַכן און פּאַקט דאָס אין אַ קערבל).

**פסח:** דערווייל זייט מיר געזונט, איך מוז לויפן אַ היים, הערן וואָס מיין לאה׳לע וועט זינגען וועגן איר פּאָרן. (גייט אַרויס פון קרעמל).

**שלמה:** דוד׳ל, דו ביזט דאָך מיין איינציק קינד. מסתמא איז באַשערט דו זאָלסט אונדז פאַרלאָזן, איינס וויל איך בעטן, פאַרבלייב אונדזער קינד און פאַרגעס ניט דיין טאַטן און דיין מאַמען (וויינט).

**דוד:** (גייט צו צום פאָטער און נעמט אים אַרום) פאָטער, ווי קען איך אייך טייערע עלטערן פאַרגעסן. איך גיי דאָך העלפן בויען אַ יידישע לאַנד, ווו מיר וועלן קענען זיין פרייע מענטשן, אַ נאָרמאַל פאָלק מיט אַלע פעלקער צו גלייך. אויך איר וועט נאָך זיין אין ארץ-ישראל און פאַרגעסן דעם גלות מיט זיינע צרות. מיר וועלן זיך נאָך פרייען און צוזאַמען טאַנצן אויף דער ערד, וועלכע די אבות האָבן באַטראָטן.

**שלמה:** זאָלסט דאָרט זיין גליקליך (וויינט).

**רחל:** (פאַרוויינט) דוד׳ל, נאַ דיר דיינע אַלע זאַכן און פּאַק זיי איין. איך מוז נאָך לויפן ברענגען אויפן וועג פאַר דיר וואָס צום עסן (גייט גיך אַרויס פון קראָם).

**שלמה:** איך האָב, דעם אמת געזאָגט, באַשלאָסן דיך ניט צוגעבן קיין געלט אויף הוצאות, איך האָב ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, וואָס דו בינסט אָן מיין הסכמה פשוט אַנטלאָפן פון דער היים אויף הכשרה. דיר זעענדיק אַזאַ שטראַלנדן, אַזאַ ענטשלאָסענעם, ווייס איך אַז דו געהערסט צו דעם בויער און איך האָב די זכיה צו האָבן אַ זון אַ חלוץ. ער האָט אויך אויף מיר געווירקט — אויך דאַרפסטו דאַנקען פסח׳ן באַגליק אין דיין וועג! וויזענדיק דעם אמת׳ן וועג אַזוי צו דיינקען. (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).



**דוד:** איך דאַנק דיר ליבער פאָטער, פאַר דיין גוטער האַרץ און פאַר אַלץ, איך פאַרשטיי דיר און בין נאָך שטאָלצער, וואָס אויך דו פאַרשטייסט מיך אין מיין ציל.

**רחל:** (קומט צוריק פון גאַס) דאָס האָסטו מיין קינד, מיטצונעמען. ניט פאַרגעס מיטצונעמען די בלעכענע קענדעלע, בינד איר אָן צום קערבל, זי וועט צוניץ קומען אין וועג.

(עס לויפט מיט אַ מאָל אַריין פסח מיט לאה׳ן אין קראָם).

**לאה:** דוד, מאַך עס שנעלער, אונדזער גרופּע חלוצים קומען דאָ באַלד אונדז אָפּנעמען.

**שלמה:** באַלד מיין קינד, היילט זיך ניט אַזוי, בינסט היינט צום לעצטן מאָל ביי אונדז אין שטוב, זיי וועלן וואַרטן.

**פסח:** מאַך זיך פאַרטיק דוד׳ל, ווייל ס׳איז שוין צייט.

**רחל:** האָט האָסטו מיין קינד, אַלץ פאַרטיק. דערלאַנגט אים נאָך אַ פּעקל).

**לאה:** דוד, געזעגן זיך שוין מיט אלעמען, האָט קומען זיי! הערסט דעם געזאַנג?

(אַלע געזעגענען זיך און וויינען, און די חלוצים זינגען).

**דוד:** (רעדט אין פאַרלויף ווען די חלוצים זינגען דעם ליד «מיר גייען אַלע ברידער):

ניט וויינען נאָר פרייען דאַרפן מיר זיך, מיר לאָזן הינטער זיך די פינסטערניש און גייען צו ליכטיקייט, מיר פאַרלאָזן אונדזער שוואַרצע פאַרגאַנגענהייט פון גלות און לויפן צו אַ גליקליכן צוקונפט, אַ צוקונפט ניט פאַר מיר אַליין, ניט פאַר אונדז אליין, נאָר פאַר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק! אַ פאָלק פון מנחם-מענדל׳ס ווערן דאָרטן פּראָדוקטיווע בויער און שעפער. — ניט וויינען מיינע טייערע נאָר טאַנצן און זינגען: (זינגט מיט אַלעמען גלייך דאָס ליד).






מיר גייען אַלע ברידער,
מיטן פרייהייטס-פאָן און לידער
אין אונדזער הייס געליבטער פּאָטערלאַנד,
צו זאַמען שאַפן, לעבן,
די כחות אָפּצוגעבן
צו שטעלן ניי דאָס איינגעפאַלן וואַנט.

כאָר: מיר גייען...

גענוג צו קלאָגן, וויינען,
די זון הויבט אָן צו שיינען
צוזאַמען אַלע גיכער—רייען לאַנג!
אַראָפּ פון זיך די קייטן,
מיט פויקן און טרומייטן
מאַרש, מאַרש איר אַלע אונטער ציונס-קלאַנג!

כאָר: מיר גייען..

**לאה:** זייט שטאַרק, מיר וועלן זיך נאָך זען...

**דוד:** מיר טרעפן זיך נאָך אַפן באַן...

**חלוצים:** (כאָר) נתראה בארץ...

(פאָרהאַנג פאַלט).

# עפילאג.

פאלעסטינע. אין א קבוצה. א גרופע חלוצים מיט די פאמיליעס זיצן נאך דער ארבעט ביי א טיש, אויף וועלכן ס'איז אנגעשטעלט מכל טוב.

**לאה:** מיר ארבעטן דא טאקע שווער, אבער די ארבעט ברענגט אונדז גליק און פרייד; דא ווייסן מיר ניט פון קנאה און שנאה, מיר טראגן דא טאקע דעם לאסט פון מענטש, אבער מיר ליידן דא ניט אלס ייד, ווי דארטן אין יענע גלות-לענדער.

**דוד:** (לייפט אריין א פריילעכער מיט א בריוו אין דער האנט) באקומען איצט א בריוו פון די עלטערן, זיי פארן שוין באלד ארויס און אינגיכן וועלן מיר זיי האבן דא. (כאפט ארום זיין קינד שלומ'ען און צוקושט אים). מיין קינד, דיין זיידע מיט דיין באבעניו קומען דא צו אונדז.

**שלום:** פאטער, איך פריי מיר שוין אזוי... א זיידן מיט א באבען צו זען (שפרינגט פון פרייד). איך האב דא געזען פיל באבעס מיט זיידעס, וועלכע ליבן זייער זייערע אייניקלאך... מיר וועלן זיי דאך אויך ליב האבן.

**לאה** (גלעט שלומ'ען איבערן קאפ) באלד מיין קינד וועסטו דא אויך האבן א זיידן מיט א באבען און זיי וועלן דיך ליב האבן (ווישט אפ די אויגן)

**חלוץ I** וועלכע ריינע און גוטע הערצער האבן דא די קינדער זיי וואקסן דא אויס ווי צעדערבוימען, זייערע פנימ'לאך לאכן, שיינען און די אויגעלאך בלישטשען ווי שטערן פון הימל: דא זעט מען ניט מער יענע גלות-קינדער מיט די פארחושכ'טע און צושראקענע פנימ'ער, מיט די פאר-וואלקנטע אויגעלאך און מיט די טרויריקע בליקן.



**חלוץ II:** מחושך לאפלה; מיר מוזן אהער בריינגען אונדזערע אלע ברידער פון פינסטערן גלות, וואס גיכער ארויסרייסן זיי פון די נעגל פון יענע קולטורעלע באַרבאַרן... פון וועלכע זיי ווערן מיט די נייסטע וויסנשאפטליכע מיטלען... צום טויט פאַרפייניקט. קומט גיכער צו אונדז ברידער, מיר וועלן דא צו-זאמען מיט אייך זייען, און בויען אונדזער אלט-ניי-לאנד אויף די בערג פון ציון וועט איר פריי אטעמען, און צוזאמען מיט אונדז זינגען ציון'ס לידער.

**חלוצה:** וואס טויגן אונדז יענע לענדער מיט די פארקריפלטע קולטורן, וועלכע דערציען מענטשן צו חיות, ווו אונדזער פאלק האט ניט קיין רו, קיין מענשליכע רעכט, קיין ליכט, קיין לופט און קיין פרייהייט, - זיי ווערן דארט פארלארן און פארשמיסן. דא אין קבוצה, ווו די ריינע לופט בלאזט פון ים, די מזרח זון באשיינט די פאלאטקעס — אט דא אטעמען מיר לייכט און פילן זיך פריי און גליקליכער ווי אין די גרויסע הייזער און פאלאצן פון גלות, ווו אונדזערע ברידער געפינען זיך אין שטענדיקער מורא און הכנעה.

**דוד:** נאר דא אין אייגן לאנד, אין פרייער לאנד קענען מיר אנטוויקלען אונדזערע כוחות, נאר דא קענען מיר שאפן און בויען, ווייל נאר דא וועלן אונדזערע קינדער קענען געניסן די פרוכט פון אונדזער ארבעט.

**חלוץ III:** דאס שעת הכושר איז געקומען פארן פאלק. מיר מוזן דא צוזאמענטראגן אלע אונדזערע כוחות און אויסבויען א גרויסן טעמפל פאר אונדזער גרויסער נאציאנאלער קולטור, וועלכע וועט אויך באלייכטן אנדערע פעלקער. מיר מוזן ווערן א נארמאל-פאלק וואס שעפט איר יניקה פון אר-בעט און וואס באזירט זיך אויף ארבעט און פראדוקטיוויטעט.

**דוד:** (שטעלט זיך מיט א כוס וויין אין האנט) איצט טרינק איך פאר די באפרייאונג פון אונדזערע אלע ברידער פאר די צוקונפט פון אונדזער אייגענער לאנד, לחיים!

**אלע:** (שטעלן זיך אויף מיט די כוסות אין די הענט) לחיים! לחיים! הידד! (נעמען זינגען און פאטשן מיט די הענט און די קינדער טאנצן.)



זיינען מיר, זיינען מיר קינדער פרייע
אין אהיים, אלאנד אנייע
ארבייט, אייניקייט, איז אונזער קראפט
אלץ וואס בויט און אלץ וואס שאפט
צוזאנג...

בויען מיר, בויען מיר שטאט און לאנד.
פרוכטבאר ווערט א פעלד פון זאמד.
פאלק, דו האסט שוין אויפגעוואכט
קענסט ניט זיין מער אויסגעלאכט.
צוזאנג...

שטייען פעלדער פול פארזייט,
אין פרדסים שפילט די פרייד,
ווינקען זיי פון יעדער בוים—
קומט אהיים, אין אייער היים!
צוזאנג ...

(פאראנג פאלט)

ווילקאווישקי, 1933-30-XI